Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

13

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 13

עָס קומענ אָנ פרימאָרגנס, ס׳גייענ אָפּ פארנאכטנ,
זיי טראָגנ זיכ אינ ליכטיקײַט אינ רוישיקער פארבײַ;
עס שטײַגנ, ווי פּאסירונגענ, ארויס פונ זיי די וואכטעס,
אונ איינע נאָכ דער אנדערער אינ ריי אונ אינ געבײַט.

דרײַ פײַערנ אינ דר׳הייכ זיכ צינדנ אונ צעפלאמענ,
מיט פאָספאָר אונ מיט שטערנצוויט באשאָטנ איז די ווײַט.
אפ נאכטישער אשמוירע גייט ארויס נעכאמע,
דעמ לעצטנ ביס פונ אָונטברויט אינגאנצנ ניט דערקײַט.

דערשלינגט זי אימ אינ וועג, נ׳פארגעסט וווהינ זי גייט,
עס לאָזט אפ איר די נאכט אזא פארקישעפדיקנ בלעבל,
אז עס ווילט זיכ א צעלויפ טאָנ אונ דערלאנגענ א געשריי:
— דער רועכ זאָל עס נעמענ, ווי גוט עס איז דאָס לעבנ!

אָט ליגט פאר דיר א דניעפּער א גאָלדענער, צעשמאָלצן,
און איבער אים — א שוימיקער, א שטערנדיקער ראַט,
צי גייט מען אַפ א וואכטע, צי גייט מען אַפ א מאָלצײַט,
צי גייט מען אַפ א ווּנדערלעכן גרויסן מאַסקאַראַד,

ווּ מענטשן טראָגן אום זיך מיט שטורקאַצן אין דער לופט,
ווּ ס׳בלישטשען אַפ געזיכטן גרויזאַמע שפּאַקולן;
צי גייט ניט א באַגינען אזא ברענענדיקער אוף
מיט שטײַגנדיקע פײַערן, ווי מעלדונגען ווי דולע?

די ערד וואָלט זי זיך צוגעצויגן פעסטער צו די טריט,
ווי לעבעדיקס. ווי לײַב. און זיך פאַנאַנדערזינגען וואָלט זי;
נאָר ס׳פּלאַצן אוף דאָרט שטיינערדיקע קנאָספּן מיט געבליט,
אזוי ווי פון א גרויסן פרילינגדיקן מאָלצײַט.

און ס׳וועט ניט זײַן קיין ווּנדער, אויב א זעץ טאָן וועט מוזיק,
און אויב ס׳וועט די מוזיק פון הייסן דינאַמיט זײַן;
נ׳א גיי טאָן וועלן פעלדזן — צעטומלט און באַזיגט
און פאַלן צו די פיס — מיט קניִענדיקע בליצן.

געגאַנגען איז נעכאַמע מיט קרעפטיקײַט און כיישעק,
אזוי ווי מיט די טריט וואָלט זי געמאָלדן דעם אַרום:
— איך גיי! און ס׳איז מיר גוט! און יעדן ריס כ׳פאַרשטיי שוין,
צוריקוועגס אַפ קיין אויגנבליק איך קוק זיך מער ניט אום!

זי האָט זיך פונדאָסנײַ דערפילט דאָ. זי באַקוקט זיך.
איר דוכט זיך, אז זי הערט, ווי אַלץ אין איר איצט זינגט;

אז ס'קאָנ א לאנד מיט מענגעס אונ מיט טויזנטער קאָנסטרוקציעס
אפ יעדנ איינעמ ווארטנ. אונ אפ אזא, ווי זי.

אונ די נאכט — א היימ איז. אונ א היימ — דער סטעפּ איז.
ס'איז דער ווינט — אנ אייגענער. אנ אייגענער ביסטו!
עס הוידענ זיכ צו דיר די פײַערנ, ווי עפּל,
גיי צו צו זיי אונ גלעט זיי, ווי דאָס ליכט בא דיר אינ שטוב!

א ווינטל שלעפּט ארויס א שמעקעדיקע פּאסמע
ניט גוט פארקעמטע האָר פונ אונטער ווייכנ הוט;
דער מאנטל איז פארשפּיליעט ביז ארופ, פּונקט ווי פארכאסמעט
ער וואָלט א יעדנ אויסוועג פאר איר ברויזנדיקנ בלוט.

אונ זי וואָלט איצט מיט יעדנ ווינט זיכ אָפּגעלאָזט דאָ,
מיט יעדנ ערשטנ ווינט — אפ ווינטישנ פארלאנג;
די צײַט איז ניט געציילט. די שטרעקעס — ניט געמאָסטנ, —
ווי לאנג האָט זי געטרוימט פונ א קאיאָר אזא, ווי לאנג?

אפּ ארבעט גייט נעכאמע. אפ ארבעט. ס'איז באגינענ,
א וואלד פונ טרויבנ טויזנטער האָט אופגערוישט מיט רופ;
ס'איז נעמ צעשפּאר דאָס הארצ אונ טרינק אונ ווער פארכלײַניעט!
דער דניעפּער דער צעשפּאָלטענער, די כמארעס אונ דער גרונט.

פּאנאנדערווויגטע בריקנ. אונ ווינט צו ווינט זיכ ווענדט דאָרט.
אונ יארוסנ באפליגלטע, — נעכאמענ טראָגט פונ אָרט;
אונ יובלדיקע מענגעס אינ כמאריקע ברעזענטנ,
נ'אפּ וואָגשאָלנ אפ זילבערנע פונ וואָלקנס — דער קאיאָר.

און טורעמס אופגעריסענע און אופגעשפּאַרטע שיפֿן,
עס שווימט ערגעץ אַן אופגעוועקטער, פֿרײדיקער דער סטעפּ;
און מענגעס איבער פֿעלדזן און מענגעס פֿון די טיפֿן,
פֿון דר'הייך און פֿון דער נידער באַלאַגערט איז דער דניעפּ.

און ס'פֿעלן אויס שוין אויגן צו זען דאָס אַלץ נעכאַמען,
די טויזנטער, די מענגעס, דאָס פֿליסן נאָכאַנאַנד;
— צי האָט זיך ניט אינײנעם מיט די קינדער דאָ פֿאַרזאַמלט
אינײנעם אַפֿ אַ יאָנטעוו — פֿײַערלעך — דאָס לאַנד?

מיט אופגעוויג און גרייטקײַט — צו כמאַרעס און צו טהאָמען,
מיט ווײַבער און מיט קינדער, מיט גוטס און מיט געצײַג;
געדוכט ט'זיך איר, אַז ערגעץ פֿאַרטראָגן זי די שטראָמען,
זי שוועבט ערגעץ, נעכאַמע, ניט פֿילנדיק די צײַט.

צעוויגטע און צעהוידעטע און אופגעפּאָכטע צעלן,
אַ וווּנדערלעכער יאָנטעוו ווי אַן אָנזאָג צו דער צײַט;
עס דרייען אינדערלופֿטן זיך, ווי ריזן־קאַרוסעלן,
די הײבערס מיט די קעמערלעך בעטאָן און מיט געצײַג.

אָט וועט עס זי דאָרט אויך אַ טראָג טאָן צו די כמאַרעס,
אָט גיט עס זי צום אָפּגרונט אַ שלײַדער און אַ וואָרפֿ.
און עפּעס איז אַ פֿרייד, און עפּעס אַ געפֿאַר איז:
— ווּ איז זי דאָ? זי ווייסט ניט וואָס עס קומט מיט איר דאָ פֿאָר?

ס'באַטרינקט דאָ דער גערויש, ס'באַטרינקט ווי ווײַן ווי שטאַרקער,
ס'אַרא שפּרונג די הרעבליע איבער דניעפּ געגעבן האָט,

צי איז עס אזא ריזיקע אנ אויסגעטרוימטע ארקע,
צי סטארטשעט איבער ברייטקייטנ פונ דניעפער אזא ראָד,

וואָס טרײַבט ווי א מאשינ די כוואליעס פונעם דניעפער,
וואָס זאמלט מיט געזאנג די מענגעס פונעם לאנד?
געווענ איז צענ מאָל גליק דערזענ טרובאנ דערנעבנ,
געווענ איז צענ מאָל פרייד — זײַנ אויסגעשטרעקטע האנט...

ווי גיט מענ א פארהאלט זײַנ בליק אונ זײַנע טריט דאָ?
א שמייכל טאָנ צו אים ביז ווייטעק ט'זיך געוואָלט.
נאָר עס פארשווינדט טרובא, ס'באווײַזט טרובא זיך ווידער,
— נו, קוקט! — ט'ער צו נעכאמענ זיך געווענדעט אפנ קאָל, —

ט'אזוי נעמט מענ אנ אָפגרונט שטורעמדיק אונ פריידיק,
ט'אזוי גייט מענ ארײַנ אינ אים — גלײַך ווי אינ א שטאָט;
ט'אזוי מאכט מענ דאָרט אָרדענונג, צום לעבנ מע פארגרייט אים,
ט'אזוי, ט'אזוי, נעכאמע, פאָרזיכטיק! איז — אָט. —

ס'איז ערשט אצינד נעכאמע אופגעגאנ אינ לעבנ,
אונ דאָס איז בלויז דער ערשטער פרווונדיקער שפאנ;
אָט איז עס, ווי א בוך, דאָס לעבנ דאָ צעעפנט,
אונ ס'לייענט עס אינ דר'הייך, ווי פאר א קינד — טרובא!

מע דארפ דאָ בויענ ווױנונגענ. גוטע גרויסע ווױנונגענ.
מיט גרינס ארום די פענצטער. מיט בלומענ אפ ארום;
מיר דארפנ דאָ צו עכטער שיינקײַט זיך געוווינענ נאָך,
אונ מירנ עס פארזייענ. זאָל עס וואקסנ אומעטום:

אין דרויסן. אין פאבריק. מע דארף דאָ בלויז געוואגט זײַן.
אין צעכ. בא דעמ ווארשטאט. אין שטוב און אפ דער גאס.
און זאָל עס בא אונדז זײַן, און זאָל עס בא אונדז וואקסן,
און זאָל די שיינקײַט אופהערן זײַן בא אונדז א גאסט!

מע דארף איצטער א שטאָט דאָ אופהייבן אזא מין,
זי אויסטראכטן צומ ערשטן מאָל אפ דר'ערד. —
און ס'קוקט אימ אין די אויגן שמייכלענדיק נעכאמע,
זי קוקט אפ אימ און טראכט, זי קוקט אפ אימ און קלערט:

פארוואָס גייט אזא בריענדיקער צוק פון זײַנע ווערטער?
פארוואָס איז אזוי לויטער הייס פון זײַנע רייד?
א יעדער רעגע היימישער און נעענטער זי ווערט דאָ,
און צו זײַן נאָכ אייגענער און נענטער איז זי גרייט.

און ס'האָט זיכ דאָרט נעכאמע אײַנגעשפאנט מיט כיישעק.
ווער רעכנט דאָ די צײַט? סע רופט דאָ און סע ציט.
און מער ווי אלצ בא זיכ, און מער ווי אלצ אינ דר'היימ שוינ
דערפילט האָט זיכ נעכאמע דאָרט, אפנ באצירק.

אָט דאָרטנ איז זי אָנגעטאָן אינ ברעזענטנ ברויזנדע,
אָט דאָרטנ איז איר קאָל, אָט דאָרטנ איז איר האנט;
אָט דאָרט איז זי א גרויסע, ווי אלע דרײַסיק טויזנטער,
אָט דאָרט איז זי, ווי נ'ערגעצ און ווי קיינמאָל ניט, פאראנג!

עס האָט זיכ ערגעצ נאָענט דער אָוונט שוינ פאראנקערט,
דער טאָג האָט זיכ געשמאָלצן מיט שקיעדיק געשריי.

דערנאָכ געווענ איז מידקײַט, ווי פונ טויזנטער געטראנקענ,
נ'א דולע האָט נעכאמע זיכ צוריק געקערט אהיימ.

א הילצערדיקע שטוב מיט פענצטער צו דעמ דניעפּער.
צווייגאָרנדיק געבויט. דער דריטער איז אינ גרינס.
דעמ זאמד־געבעטנ צוגאנג בלומענ דאָרט באקלעפּנ,
שטאכעטנ — טשאסטאָקאָלנ. א קאליטקעלע — א גרינגס.

ס'באגיסט זיי יעדנ טאָג אפּ צריקוועג פונ דער ארבעט
א כאווערטע אנ עלטערע, — זי בייזערט זיכ אפ זיי:
זיי וואקסנ ניט. זיי ווערנ עפּעס מאָגערער אונ דארער.
אז מ'האָט זיי ניט ווי ס'דארפ צו זײַנ צעגראָבנ אונ פארזייט.

דרײַסיק טויזנט מאנ באשפּײַזט זי. זי פּארוואלטעט.
אונ אומעטום — א בייזער זיכ. אונ אומעטום — אנ אויג;
אפּ נעכאמענ ט'זי געווארט ווי אפּ אנ איינינקל, די אלטע,
איר צוגעגרייט דעמ אָונטברויט — פּינקטלעכ אונ גענוי.

פארשמעקט האָט דער מאָדעסטאָווונא דער יונגער רייעכ פונ טומל,
ס'האָט שמעקעדיקע ווארעמקײַט פונ שלאָפּ געטאָנ א טראָג;
געקוקט אפּ איר מאָדעסטאָווונא האָט, פּונקט ווי אפּ די בלומענ:
— מע דארפ דיכ אויכ באגיסנ נאָכ דער ארבעט יעדנ טאָג!

זיי האָבנ זיכ אנידערגעזעצט — איינס אנטקעגנ צווייטנ,
נעכאמע האָט זיכ אופגעהויבנ אלע ווײַל פונ שטול;
— נו, עס! — האָט זיכ מאָדעסטאָווונא געגעבנ א צעגיי דאָרט, —
געשפּײַזט כ'האָב אפּ מײַנ לעבנ גרעסערע, ווי דו! —

און איר דערלֿאַנגט, נעכאמען. צום בעט. מיט א געקלאַפּ:
— נו, עס! — האָט זי נעכאמען מיט א שמייכלֿ פאַרגעהאלטן, —
המ... לֿעניג האָט געזאָגט, אז פון א שלֿעכטן קאָפּ
איז קאָנען זיך די פיס ווי ס'דארף צו זײַן ניט האלֿטן...—

עס האָבן זיך א הייב געטאָן די אויסגעוועלֿקטע ברעמען:
— אין צוואנציקסטן אין הונגער־יאָר, — דערמאָנט זי, פונקט זי לֿייענט, —
געשיקט האָט דער צעקא מיך ארבעטן אין קרעמלֿ,
און דעמלֿטן געשפּײַזט האָב איך לֿענינען אלֿיין. —

עס האָבן פאר די אויגן זיך אדורכגעטראָגן וואָלקנס.
דער קרעמלֿ. פלֿעצער. ארמייער אָן א צאָלֿ;
נעכאמע הערט זיך אײַן. נאָך יעדער וואָרט זי פאָלֿגט דאָרט.
עס דוכט זיך איר: אדורכגעלֿעכערט איז דער אלֿטערס קאָלֿ.

גערעדט ט'די אלֿטע שטילֿ, פונקט זי וואָלט געשושקעט זיך.
— און טאָמער ברענגען פויערים פרוכטן אָדער מעלֿ, —
איז רופט ער מיך שוין באלד: — מאָדעסטאָוונא! גאָלובאָטשקא!
צעשיקט עס אין די יאסלֿיעס, אין די קינדער־הײַזער, שנעלֿ! —

זי הייבט זיך אוף די אלֿטע. אין עפּעס זיך א פאָרע.
זי האלֿט דעם אָטעם אײַן אן אויגנבלֿיק און צוויי;
עס דוכט זיך, אז א וויקל געטאָן האָבן זיך די יאָרן,
עס דוכט זיך, אז זי זעט אים — פלֿאמיק — צווישן זיי.

— וולֿאדימיר איליטש, — זאָג איך אים, עסט עפּעס. נאט אײַך.
איז... שמייכלֿט ער צו מיר... איז שמייכלֿט ער אפ ניין;

— צוערשט באזאָרגט די אויסלענדישע געסט, די דעלעגאטנ.
רוסלאנד וועט זיכ ווי־ניט־איז אָנשפּײַזנ אליינ. —

געגעסנ האָט ער קנאפּ. געקוקט אלצ אפ די געסט האָט ער.
געווענ איז דעמלט, דאכט זיכ מיר, דער אנדערער קאָנגרעס;
אונ אלעמאָל — גאָלובושקא! אונ אלעמאָל — מאָדעסטאָווונא!
אונ ווײַטער — אפ די זיצונגענ. דעמ גאנצינקנ מעסלעס.

נו, לייג זיכ! — האָט מאָדעסטאָווונא א בייזער זיכ געטאָנ, —
מע קאָנ דאָ אזוי פּאטערנ איינס אונ צוויי א וואכטע; —
אונ הינטער די פענצטער געגאנגענ איז די נאכט דאָרט,
אונ ערגעצ אפ דער ווײַט געגאנגענ איז דער טאָג...